# סתם אַזוי...

קאָמענטאַרן אויף
„קליינע טעמעס"

## געצל קרעסל

אין ישראל איז לעצטנס געפּייערט געוואָרן דער 70־יאָריקער געבוירנטאָג פון דעם באַקאַנטן העברעאישן שרייבער, ביבליאָגראַף און לעקסיקאָלאָג ג ע צ ל  ק ר ע ס ל. אין דער היגער העברעאישער וואָכענשריפט „הדואר" זענען לכבוד דעם יובילאַר אָפּגעדרוקט געוואָרן עטלעכע אַרטיקלען פון יעקב קאַבאַקאָוו און זבולון ראַוויד.

קרעסל שטאַמט פון אַ שטעטל זאַבלאָטאָוו. אין דער יוגנט האָט ער אַ סך געלייענט העברעאיש, אידיש, דייטש און פּויליש — ער איז בישט געגאַנגען אין אַן אוניווערזיטעט, אַנר איז געזעסן אין אַ קלייט און געלייענט.

קיין ארץ ישראל איז ער געקומען אין 1930 — און אַכט יאָר האָט ער געאַרבעט אין אַ פּרדס און דערנאָך האָט ער זיך אַנטוויקלט ווי אַ פאָרשער וואָס האָט זיך אָפּגעגעבן בלב ונפש מיט דער פאָרשונג פון דער העברעאישער ליטעראַטור און פּרעסע.

במשך פון די יאָרן האָט קרעסל פאַרעפנטלעכט אַ גרעסערע צאָל ביכער און האָט אָנגעשריבן אומצאָליקע אַרטיקלען. אַלע האָבן אַ שייכות צו דער העברעאישער ליטעראַטור און פּרעסע.

אַצינד האָט ער צוגעגרייט צום דרוק אַ ביבליאָגראַפיע פון די שריפטן פון דב סדן — און דער ערשטער באַנד פון דער ביבליאָגראַפיע איז שוין אַריין אין דרוק.

קרעסל'ס קרוינווערק איז, בלי ספק זיין „לכסיקון הספרות העברית בדורות האחרונים" („לעקסיקאָן פון דער העברעאישער ליטעראַטור אין די לעצטע דורות") אין צוויי בענד, וואָס זענען דערשינען אין די יאָרן 1965־1967.

קרעסל האָט איינער אַליין אָנגעשריבן די אַלע ביאָגראַפיעס פון די העברעאישע מחברים. עס איז דאָ נאָר איין ביאָגראַפיע געשריבן פון אַן אַנדער שרייבער — די ביאָגראַפיע פון שמואל יוסף עגנון האָט אָנגעשריבן אברהם באַנד.

קרעסל דערמאָנט אויבן אַן אונזער אייגענעם לעקסיקאָלאָג זלמן רייזען, וואָס האָט איינער אַליין צוזאַמענגעשטעלט דעם פיר־בענדיקן לעקסיקאָן פון דער אידישער ליטעראַטור. אָבער עס איז דאָ נאָך אַן ענלעכקייט צווישן ביידן: קרעסל האָט ליב העברעאיש, די העברעאישע שרייבער און די העברעאישע ליטעראַטור — און ער האָט וועגן די העברעאישע מחברים געשריבן מיט אָפּשיי, מיט דרך ארץ און מיט באַציאונג און ער האָט אומעטום פּרובירט אַרויסברענגען די אויפטואונגען און דערגרייכונגען פון די שרייבער, און פּונקט אַזוי איז געווען זלמן רייזען, וואָס האָט געשריבן מיט חשיבות און ענטוזיאַזם וועגן אידישע שרייבער.

קרעסל גיט אויספירלעכע ביאָגראַפיעס און אָפּשאַצונגען פון הונדערטער העברעאישע שרייבער. זיין ביאָגראַפיע פון ח. נ. ביאַליק פאַרנעמט 22 עמודים. די ביאָגראַפיע פון פרישמאַנ'ען פאַרנעמט איבער זעקס עמודים און שניאור'ס — פיר. שלאָנסקי'ס — פינף. די ביאָגראַפיעס צייכענען זיך אויס מיט איינצלהייטן וועגן זייער לעבן און מיט די אָפּשאַצונגען.

די מענדעלע ביאָגראַפיע איז אַ קאָמפּאַקטע. ער גיט איבער פאַר וואָס מענדעלע האָט אָנגעהויבן שרייבן אידיש — און ער דערציילט וועגן זיינע אידישע שריפטן. עס איז דאָ אַ פיינע אָפּהאַנדלונג וועגן שלום־עליכמ'ען און עס ווערן באַהאַנדלט די העברעאישע איבערזעצונגען פון זיינע שאַפונגען.

עס זענען דאָ ביאָגראַפיעס פון שלום אַש'ן און אַפילו פון אברהם רייזענ'ען — וואו עס ווערן באַשריבן זיינע איבערזעצונגען פון העברעאיש.

קרעסל דערמאָנט עגנונ'ס אידישע שריפטן, פּונקט ווי ער דערמאָנט די אידישע שאַפונגען פון יעקב שטיינבערג. ביי יהודה שטיינבערג גיט ער צו, אַז ער האָט אויך געשריבן אויף אידיש.

אָפּט, ווען ער דערמאָנט אַ העברעאישן שרייבער וואָס האָט אויך געשריבן אויף אידיש, עצה'ט ער דעם לייענער ער זאָל אויסגעפינען מער פּרטים אין זלמן רייזענ'ס לעקסיקאָן.

**איליאַ פּאַלקאָוו**